בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת במדבר תש"פ | פרקי אבות ו | גליון 552 [שנה י"ב]

## צוויי מהלכים אויף א באוואוסטע מדרש פליאה
## וואס באדייט א ספר יוחסין

שְׂאוּ אֶת־רֹאשׁ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם: (א ב) שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני רמז תרפד) **בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו אומות העולם בהן, מה ראו להתקרב יותר מן האומות, סָתַם פיהן הקדוש ברוך הוא, אמר להן הביאו לי ספר יוחסין שֶׁלָּכֶם שנאמר** (תהלים צו ד) הָבוּ לַה' מִשְׁפְּחוֹת עַמִּים כשם שבני מביאין דכתיב להלן (פסוק יח) וַיִּתְיַלְדוּ עַל מִשְׁפְּחֹתָם, לכך מנאם בראש הספר הזה אחר המצות דכתיב (ויקרא כז לד) אֵלֶּה הַמִּצְוֹת אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַר סִינָי, ואחר כך וַיְדַבֵּר ה' אֶל־מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי .. שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל: **שלא זָכוּ לִטֹּל את התורה אלא בשביל היוחסין שלהן וכו' עכ"ל המדרש.**

אלע ספרים ברענגען דעם מדרש פליאה און האבן שיינע מהלכים אין דעם וועט מען אראפברענגען עטליכע מהלכים: איין יסוד זעהט מען אין מדרש און דאס איז צו מקשר זיין ענדע ויקרא הַר סִינָי, פון געבן די תורה, מיט אנפאנג במדבר, מיט הַר סִינָי, וואס שטייט שְׂאוּ אֶת רֹאשׁ, וואס צוליב זייער יחוס האבן זיי באקומען די תורה, צו פארשטיין וואס האט יחוס מיט קבלת התורה? נאר ווען דער אויבערשטער האט זיך אנטפלעקט פאר כלל ישראל מיט אֵשׁוֹ הַגְּדוֹלָה איז געווען שש מאות אלף מענער, וואס זענען געווען עדות ראיה און עדות שמיעה, און עס זענען געווען נאכמער פרויען און קינדער, וואס האבן דאס געזען און די אלע האבן דאס איבערגעגעבן פאר די קומענדיגע דורות ביז היינט, און דאס שטייט (דברים ד י) רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד "פֶּן תִּשְׁכַּח" אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ.. "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב.

זעהט מען אז דער אויבערשטער האט שטארק אנגעווארנט אז מען דארף געדענקען מתן תורה און אויך דאס איבערגעבן ווייטער פאר אייערע קינדער, אבער דאס איבערגעבן קען נאר זיין ווען א קינד איז מכבד זיין טאטע און מאמע, און גלויבט אז זיי זענען בעסער און קליגער פון אים און אזוי קען די מסורה איבער געגעבן ווערן, אבער אויב מען האלט אז די טאטע און מאמע זענען פאנאטיש און די קינדער פארשטייען בעסער פון זיי, קען נישט זיין א מסורה, ווייל זיי גלויבן נישט וואס זיי האבן געהערט, און מען זעהט טאקע דעם חילוק פון יעקב און עשו, וואס ביי יעקב שטייט (בראשית כח ז) וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב אֶל אָבִיו וְאֶל אִמּוֹ וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם, ווייל א איד פאלגט זיין טאטע און מאמע, אבער ביי עשו שטייט אז ער האט נישט געפאלגט און האט גענומען בַּת ישמעאל,

דער תוס' יו"ט (תענית פד מח) שרייבט אז דאס וואס מען זאגט אז ער ברענגט ספר יחוס, מיינט אז ער איז מכבד זיינע עלטערן און זיידעס, ממילא איז גוט די מדרש הביאו לי ספר יחוס, ווייל די גוים האבן געפרעגט מה ראו להתקרב יותר מן האומות? האט זיי דער אויבערשטער פארמאכט זייער טענה מיט ספר יחוס, אז די תכלית פון קבלת התורה איז וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ, דעריבער: די אידן וואס האבן ספר יחוס, ווייל זיי זענען מכבד די עלטערן, וועלן זיי זיין א עדות אויף שטענדיג און מען דארף נישט איבערגעבן די תורה יעדן דור, אבער ביי אייך גוים, וואס איר האט נישט א ספר יחוס, ווייל איר זענט נישט מחשיב די עלטערן און האלטן זיך קליגער פון זיי, וועט איר נישט קענען איבערגעבן עדות אז עס איז געווען א קבלת התורה, ווייל אייערע קינדער וועלן אייך נישט גלויבן, וועט מען מוזן געבן די תורה פאר יעדן דור. (בן גרני הגאון ר' יוסף ישראל דייטש אב"ד יארמוט)

**יחוס אבות דארף אויך זיין מיט יחוס עצמי**

וְאִתְּכֶם יִהְיוּ אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא: (א ד) דער כלי יקר פרעגט אז עס שטייט שוין אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה פארוואס דארף נאכאמאל שטיין אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא? נאך איז שווער וואס מיינט דער לשון וְאִתְּכֶם? (עיין ספורנו) נאר עס זענען דא מענטשן וואס האלטן זיך גרויס מיט זייער יחוס אבות, אבער זיי אליין האבן נישט יחוס עצמי, דער אויבערשטער וויל אז מען זאל אויך האבן יחוס עצמי, ממילא כלל ישראל האבן דעמאלטס אלע געהאט יחוס אבות, איז די תורה מעיד אז זיי האבן אויך געהאט יחוס עצמי, דאס מיינט אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה, יעדער איש האט געהאט זיין יחוס לַמַּטֶּה, צו א שבט מיט יחוס אבות, אבער רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא, אויך זענען יעדער געווען חשוב פאר זיין משפחה, מיט יחוס עצמי, דעריבער שטייט וְאִתְּכֶם יִהְיוּ, אז זיי האבן געהאט צוזאמען, יחוס אבות און יחוס עצמי, מיט דעם איז אויך גוט וואס עס שטייט ווייטער (פסוק טז) אֵלֶּה קְרִיאֵי הָעֵדָה נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם: דא שטייט אויך א דאפעלטע לשון, נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם און רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל! נאר דא שטייט אויך דאס זעלבע ענין נְשִׂיאֵי מַטּוֹת "אֲבוֹתָם" גייט ארויף אויף יחוס אבות, און רָאשֵׁי "אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל" הֵם, זיי האבן געהאט יחוס עצמי, און דאס מיינט קְרִיאֵי הָעֵדָה: זייער חשיבות איז דאס געווען. מיט דעם איז הַפֶּלֶא וואס עס שטייט אין מדרש, אז דער אויבערשטער האט פארמאכט זייער טענה מיט הביאו לי ספר יוחסין "שֶׁלָּכֶם", ווייל מען וואלט געקענט נאר זאגן הביאו לי ספר יוחסין? נאר די גוים האבן געקענט האבן יחוס אבות, אבער דער אויבערשטער האט געוואלט אויך יחוס עצמי, און דאס מיינט יוחסין "שֶׁלָּכֶם", אייער יחוס עצמו, און דאס איז נישטא ביי אייך, דעריבער האט איר נישט באקומען די הייליגע תורה. (מאזני צדק הגאון ר' מנחם מענדל שפירא תלמיד הייטב לב)

## דרוש אויף פרקי אבות פרק ו
## "מעלות פון זקנה און שיבה"

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוֹמֵר, 1. הַנּוֹי, 2. וְהַכֹּחַ, 3. וְהָעוֹשֶׁר, 4. וְהַכָּבוֹד, 5. וְהַחָכְמָה, 6. וְהַזִּקְנָה, 7. וְהַשֵּׂיבָה, 8. וְהַבָּנִים,: רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא אוֹמֵר, אֵלּוּ שֶׁבַע מִדּוֹת שֶׁמָּנוּ חֲכָמִים לַצַּדִּיקִים, כֻּלָּם נִתְקַיְּמוּ בְּרַבִּי וּבְבָנָיו: (ו ח) פרעגן אלע אז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יְהוּדָה רעכנט אויס מעלות וואס זענען שיין פאר צדיקים און רעכנט אויס די אלע מעלות נוי והכבוד וכו', און נאכדעם קומט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא און זאגט דאס זענען שֶׁבַע מִדּוֹת וואס איז נתקיים ביי רַבִּי וּבָנָיו, אבער אז מען ציילט זענען גערעכנט אכט מעלות און נישט זיבן, אויך איז שווער פארוואס דארף ער שרייבן א צאל ווען מען קען אליין דאס אויס רעכענען? נאר מען זעהט אין מדרש שמואל וואס שרייבט אז זִקְנָה מיט שֵׂיבָה איז איין מעלה ממילא איז דא נאר 7 מעלות, און דעריבער שטייט שֶׁבַע, אבער מען פרעגט אויף דעם, ווייל עס שטייט (פ"ה מכ"א) בֶּן שִׁשִּׁים לַזִּקְנָה, בֶּן שִׁבְעִים לַשֵּׂיבָה, זעהט מען אז דער וואס האט זוכה געווען צו שֵׂיבָה איז א גרעסערע מעלה פון זִקְנָה! נאר מען קען ענטפערן ווייל מיר האבן א כלל מִנְיָנָא למעוטי: אז ווען עס שטייט א

צאל אין א משנה מיינט דאס צו פאמינערן עפעס, יעצט עס איז דא די כלל יש בכלל מאתים מנה, אין צוויי הונדערט ליגט שוין הונדערט, ממילא דאס זעלבע איז דא באמת איז זִקְנָה און שֵׂיבָה צוויי מעלות, נאר אויב א מענטש האט שֵׂיבָה ליגט דאך שוין אין דעם זִקְנָה, ממילא איז גוט וואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן מְנַסְיָא זאגט אֵלּוּ "שֶׁבַע" מִדּוֹת ווייל מנינא קומט למעוטי, אז באמת איז דא 8 מעלות, נאר ער רעדט וועגן רַבִּי וּבָנָיו, וואס האבן מאריך ימים געווען און זיי האבן זוכה געווען צו שֵׂיבָה וואס אין דעם איז דא זִקְנָה, דעריבער שטייט שֶׁבַע. אבער באמת איז דאס 8 מעלות. (הין צדק להגאון ר' מנחם מענדל שפירא תלמיד הייטב לב)

מדור העובדות

****** דער הייליגער צדיק פון ליסקא דער בעל שערי הישר אויף תהלים ברענגט עשירות פאר א איד******

הרה"צ רבי צבי הירש פרידלענדער, בעל מחבר ספר שערי הישר על תהלים, וואס דאס איז דער איינציגסטער חיבור וואס  איז געבליבן פון אים, ער האט געהאט דרייסיג חיבורים אויף צו דרוקן אבער לדאבונינו איז דאס פארלוירן בימי הזעם, ער איז געבוירן אין שנת תרל"ד צו זיין הייליגן טאטן האדמו"ר רבי חיים, דער מחבר פון ספר טל חיים עה"ת און טל חיים לברכה אויף סוגיות הש"ס דער איידעם פון הרה"ק ר' צבי הירש מליסקא דער אך פרי תבואה, וואס ער הייסט נאך אים. כ"ז אייר תש"ד איז ער אומגעקומען מיט א גרויסן חלק פון זיין משפחה הי"ד זיע"א.

איינמאל פאר פסח איז אנגעקומען קיין ליסקא א איד און וויל אריינגיין צום רבין און דער רבי האט אים שיין אויפגענומען און יענער איד גיסט אויס זיין הארץ אז ער האט שוין יארן לאנג א געשעפט פון קליידער, און לעצטענס איז דאס זייער שוואך ביי אים און ער וויל פארשליסן דעם געשעפט, און בעט פון רבין א עצה וואס צו טאן פאר פרנסה! דער רבי ליינט זיין קוויטל און פרעגט אים אויס שאלות און ער ענטפערט אז עס האט זיך געעפנט אסאך גרעסערע געשפטן און די קונים גייען דארט. פרעגט אים דער רבי צו ער האט גוטע פארבינדונגען מיט זיין באנק צו באקומען א הלואה אויב ער דארף? האט ער געענטפערט אז ער האט גאר גוטע פארבינדונגען מיט זיי.

אויב אזוי זאגט אים דער רבי פארמאך נישט דיין געשעפט, נאר גיי בארג געלט און אנשטאט איינקויפן קליידער זאלסטו גיין איינקויפן ליידיגע פעסער פון ווייז, וויפיל דו קענסט, און לייג זיי אוועק אין א גוטן פלאץ און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן מיט גרויס הצלחה! דער איד איז געווען א תמימות'דיגער איד און פרעגט נישט קיין קשיות, און נעמט א ברכה פון רבין און פארט אהיים מיט א רוהיגן געפיל. נאך פסח איז ער געגאנגען אין באנק און ערליידיגט א גרויסע הלואה, און ער לאזט זיך ארויס אין מארק צו גיין זוכן ווייז פעסער, ער איז געווען א סוחר וואס האט נישט אריינגעטאנצט אין א געשעפט ביז ער האט קלאר פארשטאנען דעם הלוך ילך, איז ער געגאנגען צו גרויסע סוחרים פון פעסער און זיך אינטרעסירט און ער האט זיך שנעל אויס געלערנט.

איין זאך האט ער זיך אויסגעלערנט אז עס איז דא גענוג סוחרים וואס פארקויפן ווייז פעסער, און ער זעהט נישט ווי אזוי ער קען מצליח זיין אין אזא געשעפט, אבער זיין אמונה אין רבין האט אים געשטופט גיין ווייטער אן חשבונות. ווען ער איז שוין אנגעקומען אין מארק האט ער שוין געוואוסט די פרייזן פון פעסער און ער האט ארויסגעגעבן א קלאנג אז ער איז א גרויסער סוחר פון ווייז פעסער אין ליסקא, און איז געקומען איינקויפן א גרויסע קוואנטום פון ליידיגע פעסער.

דער איד זיצט שוין אפאר טעג אין מארק און האט גארנישט איינגעקויפט! ער נעמט זיך זאגן תהלים און בעט דעם אויבערשטן הראינו ה' חסדיך, און עס געדויערט נישט לאנג, און א גויאישע סוחר איז געקומען צו אים, און זאגט אז היות ער האט א גרויסע פלאץ פול מיט ליידיגע ווייז פעסער, און ער איז שוין אלט און ער וויל דאס אוועקגעבן ביליג און איז גרייט צו מאכן א געשעפט!

דער איד האט געזאגט אז ער איז גרייט און מען פארט צו די פלאץ וואו עס ליגן אפאר הונדרעט נייע פעסער, און דער איד פרעגט דער גוי וויפיל ער וויל פאר די פעסער, ווען דער גוי האט געזאגט א פרייז. האט דער איד געמאכט א רעכענונג און זעהט אז דאס איז א מציאה גדולה און איז מסכים צום מקח. מען שרייבט א שטר און דער איד גיט פארן גוי אן אדרוף און מען רעדט זיך אפ ווען דער איד וועט קומען מיט זיינע וועגענער און אפנעמען די פעסער און דעמאלטס וועט ער באצאלן דאס איבעריגע געלט. דער גוי האט מכבד געווען דעם איד און האט מסכים געווען.

דער איד פארט אהיים און זוכט א פלאץ וואו ער קען האלטן אזא קוואנטום פון פעסער, און האט געדונגען גענוג וועגענער מיט העלפערס וואס וועלן קענען אהער ברענגען די אלע פעסער, און כך הוה, דער אויבערשטער האט אים צוגעשיקט א פלאץ צו האלטן די פעסער, און אויך גענוג וועגענער, און לאזט זיך ארויס צו דעם גוי, דער איד האט באצאלט פארן גוי און מען האט אנגעלאדענט די פעסער אויף די וועגענער, און ער קומט צוריק אהיים און לאזט ארויס א קלאנג אז ער האט א גרויסע קוואנטום פון ווייז פעסער פאר ביליג!

עס גייט אבער אריבער צוויי חדשים און דערווייל האט ער נישט פארקויפט אפילו איין פאס און די באנק רופט שוין אז מען דארף באצאלן די חוב, נו! דארף מען גיין פרעגן דעם רבין, ער פארט צום רבין און ער דערציילט אז ער האט געקויפט פון א גוי אויף זייער ביליג ווייז פעסער, אבער דערווייל האט ער גארנישט פארקויפט און די באנק וויל זייער געלט, ממילא וויל ער וויסן וואס צו טאן? רופט זיך אן דער רבי: גיי אהיים אוןווארט נאך אביסל ביז די צייט וואס מען מאכט ווייז און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט באקומען פרייזן אויף דיינע פעסער וואס דו האסט נישט גע'חלומ'ט!

ער פארט אהיים. יענעם יאר איז געווען א גוטע יאר פאר די טרויבן און די ווייז סוחרים האבן געמאכט זייער אסאך ווייז און זיי האבן נישט געהאט גענוג פעסער, און אזוי ווי נאר דער איד האט געהאט א קוואנטום פון פעסער האבן די סוחרים אנגעבאטן פרייזן פאר די פעסער וואס איז געווען דאפעלט פון דעם נארמאלן פרייז, און דער איד האט פארקויפט ביזן לעצטן פאס! ווען ער האט געמאכט א חשבון אויף אלעם האט ער געזען אז ער איז שוין געווארן א עושר! ער איז געפארן צום רבין און אים געדאנקט מיט א שיינעם פדיון. דער עצה פון רבין מיט א אפענער רוח הקודש, און די אמונה פון א חסיד, האט געברענגט עשירות, זיע"א


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

טור או"ח ווילנא תר"ס חתימות והגהות רבני טשענגער, עת לעשות ר' הילל קאלאמייא שמירה וסגולה, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ 800$ ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר 200$, תהלים סלאוויטא של הכ"ץ מגב מפואר חסר שתי דפים שאולמו על נייר עתיק, א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון באדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר 5000$, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען

**Until further notice call 718 4388414 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com *WWW.SEFORIMWORLD.COM***


מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבה"ח יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט  טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל"ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן